בס"ד

# דברי הדרכה ויחזוק השעה

שהשמיע

## כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

במעמד הגדול והמרומם

## כינוס כלל ישראל לנשים

יום ג' פרשת שלח תשפ"ב לפ"ק

יוצא לאור ע"י
מכון מעדני מלך ווי'ען

**הדפסה והפצת הקונטרס הזה**
**לזכות את הרבים ולהרבות קדושה בישראל**

נתנדב ע"י ידידינו הרבני הנגיד
רחים ומוקיר רבנן ואיהו גופי' צורבא מרבנן
לבו ער לכל דבר שבקדושה
נודע לשם ולתהלה בקרב עם סגולה
הרה"ח ר' **יצחק שרגא גראס** שליט"א
מח"ס חיים שיש בהם

לזכר נשמת אביו
הרה"ח **משה חיים** ב"ר **יצחק** ע"ה
ולזכר נשמת אמו
מרת **גאלדא** ב"ר **שרגא פייבל** ע"ה
*
ולזכר נשמת חמיו
מו"ה **יצחק אהרן** ב"ר **יואל זוסמאן** שפיטצער ע"ה
ואשתו מרת **נחמה רבקה** ב"ר **נפתלי מנחם** ע"ה
ת.נ.צ.ב.ה.

**זכות הרבים יהא תלוי בו להתברך בכל מילי דמיטב אכי"ר.**

**אפשר לשמוע הדרשה אצל הכינוס כלל ישראל לנשים – קול מעדני מלך וויען**
**718-400-7710 - 7**

# כינוס כלל ישראל לנשים
## יום ג' פרשת שלח תשפ"ב לפ"ק

## קול דודי דופק פתחי לי

שלמה המלך זאגט אין שיר השירים (ה-ב), ווי אזוי יודישע קינדער רעדן זיך אויס צום אייבערשטען, און זיי זאגן, 'אני ישנה', איך בין דא פארשלאפן, איך בין אויסגעלאשן, 'ולבי ער', אבער מיין הארץ איז אויף, מיין הארץ איז וואך, און איך דערהער, 'קול דודי', דעם קול פון מיין גוטן פריינד, פונעם אייבערשטען, 'דופק', וואס קלאפט אויף די טיר, און ער בעט, 'פתחי לי', עפנטס מיר דא א טיר איך זאל קענען אריינגיין צו ענק אין שטוב, 'אחותי', דו מיין שוועסטער, 'רעיתי', מיין גוטער פריינד, 'יונתי', מיין טויבעלע, 'תמתי', וואס אונזער אהבה איז גאנץ איינעם צו דעם אנדערן. לאזט מיך אריין צו ענק אין שטוב. זאגט כנסת ישראל, אונז דערהער מיר דעם קול דודי.

עס איז נישט דא גענוג ווערטער אין מויל, אז מען זאל קענען אראפלייגן די געוואלדיגע חשיבות פון די נשים צדקניות, וואס זענען צוזאמגעקומען היינט צו דעם מעמד. זיי, און זייערע מאמעס, מיט די באבעס אינאיינעם. **ווי חשוב איז אויבן אין הימל די שעה, וואס עס קומען זיך צוזאם צענדליגער טויזענטער יודישע טעכטער,**

**צו הערן דבר ה', הערן דעם דעת תורה וואס איז נוגע אין יעצטיגן זמן. עס איז א געוואלדיגער עת רצון אויבן אין הימל, עס שטייט ברום המעלות.** אזא מעמד וואס מיר זענען דא יעצט, איז נישט געווען ביים כלל ישראל שוין הונדערטער יארן, וואס אזויפיל טויזענטער יודישע טעכטער זאלן זיך צוזאמקומען אין איין פלאץ, און הערן דעם דבר ה', און זיך מתחזק זיין אין די געוואלדיגע נסיונות, וואס מיר זענען היינט ארומגענומען.

**דער מעמד שרייט אויס און זאגט: מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ! וואו איז נאך דא אזא הייליג פאלק אין די וועלט, ווי יודישע קינדער! וואו איז נאך דא אין גאנצן כדור העולם, א כינוס, וואס מען קומט זיך צוזאם, אויף קבלת עול מלכות שמים! א כינוס וואס מען קומט זיך צוזאם, אונז ווילן מיר לעבן מיט קדושה; אונז וויל מיר לעבן מיט פרישות; אונז וויל מיר שטייגן; אונז גיי מיר האלטן מלחמה אנטקעגן דעם שטראם פון די וועלט!**

## די ירידה וואס די טעכנעלאגישע כלים ברענגן

די כלים פון טעכנעלאגיע - ווי מען האט פריער געהערט - וואס פון איין זייט ברענגט עס אסאך נוצן, אסאך באקוועמליכקייט. אבער פון די אנדערע זייט, האט עס חרוב געמאכט די וועלט! און עס האט חרוב געמאכט די יודישע וועלט בפרט! **- א כלי וואס אין דעם איז צוזאמגענומען, אלע תועבות וואס איז דא אין די גאנצע וועלט; מינות; כפירה; סאשעל מידיע; וואטס-עפ. א כלי וואס האט געטוישט דעם דעת פונעם מענטש; דעם שכל; די השקפה; די בליק ווי אזוי אונז דארף מיר עפעס אנקוקן. דער סטייל פונעם לעבן איז געטוישט געווארן ביי מענטשן דורכדעם. און מענטשהייט בכלל, האט באקומען א ירידה! - דאס איז א כלי וואס רייסט אויס יעדע מדה פון בושה, וואס יודען זענען מיט דעם אויסגעצייכענט, ישראל זענען ביישנים (יבמות עט.). עס רייסט אויס באשיידענקייט, עס רייסט אויס פריוואטקייט.**

## אשרינו מה טוב חלקינו

**ווער עס געפונט זיך דא אין דעם זאל יעצט, קען זאגן: אשרינו מה טוב חלקינו, ווי גליקלעך בין איך, אז איך געפון זיך אויך דא אויף אזא פלאץ, איך בין נאך**

**אינטערעסירט צו הערן רעדן וועגן דעם!** וויפיל פון אונז קען מיר, אונזער משפחה, גוטע פריינד, חבר'טעס, וואס זיי זענען שוין לאנג געזינקען אינעם תהום. זיי געפונען זיך שוין נישט דא.. מען רעדט שוין נישט צו זיי.. אזא מעמד רעדט נישט צו זיי גארנישט.. זיי זענען נישט אינטערעסירט צו הערן..

דא געפונט זיך יעצט אין די זאל א יודישע מאמע, וואס האט געקויפט מערערע טיקעטס פאר אירע חתונה'געהאטע טעכטער, אז זיי זאלן קומען דא צו די אסיפה היינט. איינע פון די טעכטער האט געזאגט, אז זי גייט נישט, זי קומט נישט, זי איז נישט אינטערעסירט צו קומען. איך וועל קומען און איך וועל הערן, אז סמארטפאון איז נישט גוט, און מיין מאמע וועט מיך קענען יעצט מוטשענען און זאגן, פארוואס איך האב עס. איך וויל אפילו נישט קומען. - ווי גליקליך זענען די וואס האבן נאך נישט פארלוירן זייער מענטשהייט, זייער ערליכקייט, און זיי ווילן יא הערן, זיי ווילן קומען זיך מתחזק זיין אין די זאכען וואס עס פעלט אויס חיזוק.

## די מהפיכה לטובה נאכן 'כינוס כלל ישראל'

מען האט פריער געהערט, אז מיט צען יאר צוריק זענען זיך צוזאמגעקומען כמעט אלע גדולי ישראל וואס איז דא אין די מדינה, ביים כינוס פון כלל ישראל. עס האט געהאלטן ביים אנהייב, דעמאלטס האט אנגעהויבן נתפשט צו ווערן די נגע פון אינטערנעט. און זיי האבן געזעהן אז דאס גייט צוברעכן די קדושה פון כלל ישראל, און זיי האבן אראפגעלייגט יסודות דערויף.

מען האט פריער געהערט די טייערע ווערטער פון דעם **גאון**, **רבי שמואל הלוי וואזנער זצ"ל**, בעל **שבט הלוי**, וואס איז געווען דעמאלטס דער פוסק הדור, אנגענומען ביי אלע קרייזן פון יודען. ער איז געווען זייער א געלאסענער, ער האט נישט געטון קיין שום זאך איבערגעאיילטערהייט, און וואס ער האט געטון איז געווען דורכגעטראכט. ער האט מפרסם געווען זיין דעת תורה וואס מען האט פריער געהערט: 'אז אין א שטוב קומט נישט אריין קיין אינטערנעט. און אפילו א טעלעפאן מיט א פילטער, האט נישט קיין פלאץ אין א יודישע שטוב. און א כלי וואס איז געפילטערט, קען מען זיך נאר באנוצן דערמיט לצורך פרנסה. און אויב עס איז נישט

געפילטערט, טאר מען נישט צורירן צו די כלי". און ער ענדיגט דערויף: **"דאס איז נישט קיין חומרא, דאס איז נישט קיין חסידות, כי אם חובה על פי התורה, דאס איז דער חיוב על פי תורה, ומי שאינו מקבל תקנות אלו, הרי הוא פורץ גדר"! - איך זאג נאך זיין לשון - און ווער עס האלט זיך נישט צו די תקנות, איז ער א פורץ גדר!**

דער כינוס, אין דער דעמאלטסדיגע צייט, האט געמאכט א מהפיכה לטובה ביי יודישע קינדער. עס האט מעמיד געווען הדת על תילה. עס האט געברענגט א געוואלדיגן התעוררות, אז מען זאל צולייגן הארץ אויף דעם נסיון פונעם דור, און זוכן עצות און וועגן, ווי אזוי מען זאל זיך קענען שיצן און באווארענען.

## טויזענטער יודישע שטובער וואס זענען ריין און אפגעהיטן פון אינטערנעט

ב"ה, עס געפונען זיך היינט טויזענטער יודישע שטובער וואס עס קומט נישט אריין אין זייער שטוב קיין אינטערנעט; קיין סמארטפאון; זייערע שטובער זענען ריין; זייערע שטובער זענען אפגעהיטן! אסאך חשוב'ע קהילות האבן גע'אסר'ט, און מחייב געווען בני קהילתם מיטצושטיין דערמיט! אשרי חלקם פון די וואס הערן זיך צו דעת תורה, און זענען מקיים וואס מען הערט, און זייערע שטובער זענען ריין פון סמארטפאון'ס!

דער **תכלית פונעם היינטיגן כינוס איז, קודם מחזק זיין די אלע וואס זענען אפגעהיטן, זיי זאלן ווייטער ממשיך זיין אין זייער הנהגה, נישט נאכלאזן; נישט נתרשל ווערן; נישט נאכגעשלעפט ווערן נאך די שטראם פון די וועלט; נישט נאכגעשלעפט ווערן נאך חבר'טעס און שכנים, וואס מען זעהט, אז זיי באנוצן זיך יא דערמיט. זיי זאלן מקיים זיין דעם "ויגבה לבו בדרכי ה'"; זיין שטאלץ אז איך בין א ערליכע יודישע מאמע; א ערליכע יודישע טאטער; איך ערציה מיינע קינדער אזוי ווי מיין טאטע און מיין זיידע האבן מחנך געווען! - ווייל נאר די שטובער וועלן מצליח זיין, און זיי וועלן קענען ארויסגעבן ערליכע יודישע דורות.**

דער כינוס קומט אויך געבן חיזוק פאר די וואס זענען געקומען אהער, ווייל זיי ווילן נתעורר ווערן. זיי פארשטייען זייער גוט די מכשולות וואס איז דא אין דעם, אבער זיי זענען נאך נישט גרייט געווען עס מוציא צו זיין מן הכח אל הפועל, זיי זאלן זיך אליין קענען באהערשן, און אויספירן וואס זייער הארץ גלוסט באמת. און זיי

קומען, ווייל זיי זענען ערליך, זיי ווילן הערן חיזוק, זיי ווילן הערן וועגן ווי אזוי מען קען שטייגן, יעדער איינער לויט איר דרגא, לויט איר מקום. און זיי זענען משתוקק אז די ווערטער זאלן אריינגיין אין זייערע אויערן, און זיי זאלן פארשטיין, אז דאס איז די ריכטיגע גליק פונעם לעבן, ווען א שטוב איז ריין!

איך וועל נישט רעדן קיין דברי תורה, ווייל דאס האט מען שוין געהערט פון די פריער'דיגע רעדנערס. איך וועל רעדן מאמע לשון, פשוט כדבר איש אל רעהו, ווי מען רעדט זיך אויס, און מען שמועסט זיך אויס. מען זאל קענען פארשטיין וואס אונזערע פראבלעמען זענען, און וואס אונז קען מיר טון דערצו.

## ארבעט פלעצער פאר יודישע טעכטער

איך וויל די ערשטע רעדן צו די יודישע טעכטער, פון די צוועלפטע קלאס און ווייטער, וואס זענען נישט לאנג ארויס פון סקול. וואס עס איז נוגע פאר זיי, וועגן די ארבעטס פלעצער וואו זיי ארבעטן.

יעדער ווייסט, אז די בעסטע פלאץ מען זאל אנקומען ווען מען גייט ארויס פון שולע, מען זאל אנקומען צו טון עפעס - מען קען דאך נישט זיצן אין שטוב - אז מען קען זיין א לערערן אין א שולע, דאס איז די חשוב'סטע זאך וואס מען דארף פרובירן צוצוקומען.

**אבער די וואס דארפן יא ארבעטן אינדרויסן. דארף זיין די ערשטע שאלה - ווען מען זוכט אן ארבעט - פרעגן צו עס איז מסודר אויף דעם פלאץ א פילטער? טאמער מען ענטפערט, ניין. איז נישט דא וואס צו טראכטן אריינצוגיין אין דעם מקום, און טרעפן דארט וואס צו טון.**

די וואס געפונען זיך אין די ארבעט, און זיי זעהען אז עס איז נישט דא קיין געהעריגער פילטער אויף דעם פלאץ. זאלן זיי רעדן צו דעם בעל הבית, און בעטן, אונז וויל מיר א פילטער! אונז דארף מיר עס האבן. טאמער דער בעל הבית הערט נישט, זאל מען געוואויר ווערן צו וועלכן רב ער באלאנגט, פון וועם ער איז מקבל דעת תורה, און מעורר זיין דעם רב אז ער זאל רעדן צום בעל הבית, ער זאל ריין

מאכן זיין פלאץ פאר יודישע ארבייטערס. און אויב דאס העלפט אויך נישט, איז דאס נישט קיין פלאץ וואו א יודישע טאכטער דארף בלייבן דארטן צו טון איר ארבעט!

די זעלבע איז אויך, **אז מען זעהט אויפן פלאץ וואו מען ארבעט, סיי וועלכע גרינגקייט, קלות, זלזול אין ענינים פון צניעות, סיי פונעם בעל הבית, סיי פון די ארבייטער וואס זענען דארט. זיך נישט שעמען צו פארציילן פאר די עלטערן וואס עס גייט פאר! צו פארציילן פאר א רב וואס איז זייער מורה דרך, ער זאל זאגן דעם ריכטיגן וועג וואס מען דארף צו טון. ווייל דאס קען ברענגען זייער ווייט, וואס שפעטער איז שוין שווער אז מען זאל זיך קענען אן עצה געבן. תיכף ווען מען זעהט אז עס הייבט זיך אן עפעס וואס איז נישט ווי עס דארף צו זיין, זאל מען נעמען שריט תיכף.**

און בכלל, זאל מען זיך מתרחק זיין פון זיין קאנעקטעט פון סיי וואס פאר א גרופ"ס וואס איז היינט איינגעפירט, וואס מען איז צוזאמען.

## די מאמעס פון דעם קומענדיגן דור

טייערע יודישע טעכטער, עטץ זענטס די מאמעס פון דעם קומענדיגן דור! אויף ענק ליגט אן אחריות אויפצושטעלן דורות פון יראי ה', דורות ישרים פונעם קומענדיגן דור. אונז האב מיר נישט קיין השגה די נסיונות וואס דער קומענדיגער דור וועט דארפן אדורכגיין, ווען מען קוקט ווי מען האלט היינט. **ווייל נאר שטובער וואס זענען ריין לה' ולתורתו, די שטובער וועלן זיך האלטן.**

זיך מתבונן זיין: ווען מען איז שוין צוגעוואוינט צו א סמארטפאון, איז זייער שווער זיך אפצוגעוואוינען דערפון. עס פארלאנגט זיך מסירת נפש, אז מען זאל קענען אראפגיין דערפון. מען ווערט מיט די צייט עדיקטעט דערצו, און עס איז שווער צו טוישן. עטץ זענטס נאך יונג, עטץ האטס נאכנישט אנגעהויבן. עטץ הייבטס יעצט אן ענקער וועג אינעם לעבן. **זיך פארנעמען: אז מיט א סמארטפאון האב איך נישט צו טון, דאס באלאנגט נישט צו מיר. איך דארף עס יעצט אוודאי נישט האבן, און ווען איך וועל אויפשטעלן א שטוב, וויל איך אז די שטוב זאל זיך אויך אזוי פירן, און זיין ריין, אז עס זאל נישט אריינקומען דארט אזא כלי. זיך פארנעמען, אז אויף דעם וועג וויל איך שפעטער אויפשטעלן מיין שטוב!**

מען וועט אפשר זאגן, אז עס איז נישט מעגליך. וויל איך זאגן, אז ביי אונז אין די מיידל שולע אין וויליאמסבורג, איז די פארגאנגענע יאר, ארויסגעגאנגען צו די ארבעט, א גאנצע קלאס, וואס אלע האבן ב"ה געטראפן פלעצער וואו זיי ארבעטן. און דעם פארגאנגענעם ווינטער - איך ווייס נישט היינט, אבער איך רעד פונעם פארגאנגענם ווינטער - איז נישט געווען קיין איינס פון די וואס זענען ארויסגעגאנגען, וואס האבן געהאט א סמארטפאון! עס איז נישט געווען קיין איינע פון זיי וואס האט געהאט א טעלעפאון מיט טעקסט! טאקונ"ג אנל"י, נאר אויף צו רעדן! מען קען עס באווייזן, מען דארף נאר האבן דעם רצון! - און ווילאנג מען איז נאכנישט ארייגעגאנגען דעריין, מען איז נאך נישט געווארן עדיקטעד"ט צו די כלים, איז די צייט זיך יעצט פארצונעמען, אז דאס גיי איך נישט נוצן שפעטער.

## זוכן א שידוך פון א שטוב אָן אינטערנעט אדער סמארטפאון

מען שטייט פאר שידוכים. מען דארף א שידוך טון, מען דארף געבן א דין קדימה, פרובירן ארייננצוקומען אין אזא שטוב וואס מען ווייסט אז דארט איז נישט דא קיין אינטערנעט, עס איז נישט דא א סמארטפאון אין דעם הויז. אז מען טראגט אן א שידוך, א חסידישן בחור, און מען הערט אויף אים אז ער האט א סמארטפאון, זאל מען וויסן אז דאס איז א צווייטע קלאס שידוך! דאס איז נישט קיין שידוך וואס מען דארף לכתחלה צוגיין דערצו! אז ער האט עס יעצט, וועט ער עס אוודאי האבן שפעטער. **און קיינער וויל נישט יעצט זיך פארנעמען, אז איך גיי אויפשטעלן א אינטערנעט שטוב, פאר מיינע קומענדיגע דורות.** זיך גוט איבערטראכטן בעפאר מען טוט א שריט, וואס די תוצאות דערפון וועלן זיין.

און בכלל, מען רעדט דאך אויס ביי שידוכים אלע פרטים וואס עס פעלט אויס. זאגן: מיין שאיפה איז, **איך זוך צו האבן א ריינע שטוב, איך וויל נישט עס זאל זיין דארט א סמארטפאון, אינטערנעט, ווי אזוי מען וויל עס אנרופן, זאלן ארייננקומען אין מיין שטוב. - און נאר דעמאלטס זאל מען צוגיין, און שליסן דעם שידוך.**

## די מכשולות פון סאושע"ל מידי"א

איך וויל רעדן יעצט צו די יודישע מאמע, וועגן די געוואלדיגע מכשולות וואס א סמארטפאון האט אין זיך. **אויסער וואס עס קילט אפ יודישקייט, וואס מען זעהט דערויף, און מען הערט דערויף, זלזול צו מצוות פונעם אייבערשטען, זלזול אין די דרכי החינוך מיט וואס אונז זענען נתחנך געווארן, און אויפגעוואקסן געווארן. וואס מען הערט זיך צוזאם אין וואטס-אפ און סאשעל מידיע. - און די עצם זאך, זעהן שטענדיג וואס עס טוט זיך ביים חבר אין שטוב, וואו ער גייט, און וואו ער פארט, און וואו ער איז געווען. עס קומען אריין די קליפס איינס נאך דאס אנדערע, וואו זיי פארברענגען זייערע טעג, און ווי אזוי מען פירט זיך אויף דארט. עס איז אוועקגענומען געווארן די בושה פון וויסן וואס טוט זיך ביי יענעם אין שטוב.**

בלעם הרשע, ווען ער האט געוואלט זעהן יודישע קינדער אינעם מדבר, און ער האט געוואלט אויסרומען וואס א יודיש קינד איז, האט ער געזאגט (במדבר כד-ה) מה טובו אהליך יעקב, ווי גוט זענען די געצעלטן פון יודישע קינדער, אין פתחיהן שוות (בבא בתרא ס.), די טירן זענען נישט אייניג איינס אקעגן דאס אנדערע. מען קוקט נישט וואס עס טוט זיך ביי יענעם אינדערהיים, מען איז נישט אינטערעסירט צו וויסן וואס עס טוט זיך ביי יענעם. - די זאכן ברענגען נאר קנאה און שנאה, און מען וויל נאכדעם נאכגיין נאך זיי, און מען ווערט מיטגעשלעפט. און די אלע זאכן הייבט זיך אן נאר, מיט די פארבינדונגען וואס מען האט אויף די סמארטפאון'ס.

## די וואס באנוצן זיך דערמיט שטענדיג, לעבן אין אנדערע וועלט

ובכלל, איינער וואס איז צוגעוואוינט זיך צו באנוצן דערמיט, ברבות הימים ווערט זי אן אנדערע סארט בריה, זי ווערט געטוישט אינגאנצען פון וואס זי איז געווען פון פריער. זי געפינט זיך, און זי לעבט שטענדיג אין א אנדערע וועלט. זי איז נישט אינדערהיים. אפילו ווען זי געפונט זיך אין שטוב, איז איר קאפ נישט דארט, איר קאפ איז אין די וועלט אויסער איר שטוב. זי איז צוגעבינדן צו דעם סמארטפאון, זעהן, צו עס איז שוין געקומען עפעס נייעס? וואס טוט זיך אינדרויסן אויף דער

וועלט? זי איז א האלבע ווייב פאר איר מאן! זי איז א האלבע מאמע פאר אירע קינדער! ווייל אפילו זי איז אין שטוב, און זי רעדט מיט די קינדער, איז איר קאפ נישט דארט, נאר א חלק דערפון.

מיט די צייט פעלט פון איר די צוגעבינדענקייט וואס א מאמע האט צו אירע קינדער. עס פעלט פאר די קינדער א ליבליכע מאמע, וואס זאל זיך אונטערהאלטן מיט די קינדער, און ארייננעבן אין זיי ווארימקייט. צוביסלעך, צוביסלעך, ווערט די מאמע אפגעקילט פון דעם קינד, און די קינד פון די מאמע. מען רעדט האלבע'טע ווערטער, און צום סוף פארלירט מען די השפעה אויף די קינדער, וואס דאס איז דער יסוד פון א יודישע שטוב! **אז מען וויל אין היינטיגן דור, אז קינדער זאלן בלייבן ביי די עלטערן, ווענדט זיך עס אין די ליבשאפט וואס זיי האבן צו די שטוב! די ליבשאפט וואס איז דא צו טאטע מאמע! צו די געשוויסטער! דאס איז די איינציגסטע זאך וואס האלט אונז היינט, אז מען זאל נישט אוועקפאלן! און טאמער דאס ווערט אפגעשוואכט, פארלירט מען מיט די צייט דעם קשר וואס מען האט.**

## די קינדער ווערן ערצויגן אז א סמארטפאון איז א חלק פונעם הויז

נאכדעם, א שטוב וואו מען באנוצט זיך מיט סמארטפאון, טוט מען צוגעוואוינען די קינדער, מען טוט מחנך זיין די קינדער, אז זיי זאלן זיך אויך באנוצן דערמיט. זיי ווערן ערצויגן פון די יוגנט אן, אז דאס איז א חלק פונעם הויז. אזוי ווי מען האט א טעלעפאון אין שטוב, מען האט מייקראוועיוו אין שטוב, האט מען א סמארטפאון אויך. אויסער די מכשולות וואס איז דא ביי דעם פאר יונגווארג מער ווי פאר עלטערע, ווערט מען צוגעוואוינט דערצו, אז מען קען נאכדעם נישט לעבן אן דעם. די קינדער וואס ווערן ערצויגן מיט דעם, איז מוכרח, און עס איז כמעט ווי צוגעצווינגען, אז זיי זאלן שפעטער אויך אוועקשטעלן זייער שטוב אזוי.

**קיינער פון אונז איז נישט פארזיכערט וואס וועט זיין מיט אונזערע קינדער! קיינער ווייסט נישט צו עס וועט זיך נישט געפונען א פסול בזרעו. ביי אברהם אבינו'ס שטוב איז אויך אויסגעוואקסן א ישמעאל, ביי יצחק אין שטוב איז אויסגעוואקסן אן עשו, קיינער ווייסט נישט, עס איז נסתרות לה' אלקינו וואס מיט אונזערע קינדער וועט זיין. אבער איין זאך איז זיכער, אז אין די שטוב וואו עס איז דא א סמארטפאון אינעווייניג אינדערהיים, זענען זיי פארזיכערט הונדערט פראצענט, אז זייערע**

**קינדער וועלן עס אויך האבן! מיט דעם קענען זיי זיין זיכער. ווייל עס איז זייער שווער, ווען איינער ווערט מיט דעם אויפגעצויגן, אז ער זאל קענען זיך דערפון אפטשעפענען שפעטער. און זיי טוען מיט דעם מחנך זיין זייערע קינדער, צו ווערן אן אנדערער סארט יוד, ווי זיי זענען געווען, און ווי זייערע עלטערן זענען געווען. און ווער ווייסט וואו זיי מיט זייערע קינדער וועלן אנקומען נאכדעם.**

אונז יודישע מאמעס, אונז טוה מיר אויסגעבן עפרות זהב פאר אונזערע קינדער; טירחות אן א שיעור; שלאפלאזע נעכט; וועגן די חינוך פון אונזערע קינדער, ווייל דאס איז די תעודה פון א יודישע מאמע, צו זעהן נחת דקדושה פון די דורות שפעטער. דאס איז די איינציגע פארמעגן וואס בלייבט פאר א מענטש אויף שטענדיג, דער המשך הדורות. און צום סוף - ווייל זי קען זיך נישט באהערשן אויף איר סמארטפאון - מאכט זי חרוב איר אייגענע שטוב! איר אייגענעם אוצר וואס זי האט אינדערהיים! - **עס ליגט אויף אונז א חיוב, אוועקצוקוקן אויף אלע באקוועמליכקייט וואס דאס ברענגט, כדי אפצוהיטן אונזער שטוב בקדושה.**

## וועלכע מאמע וויל זיצן מיט איר קינד ביי א דין תורה אין בית דין של מעלה?!

עס האט מיר פארציילט א בחור, שוין יארן צוריק. און ער האט מיר געזאגט, מיין טאטע איז א חשוב'ער יוד, און ער האט זיך זייער געזארגט איך זאל אויסוואקסן א תלמיד חכם, ער האט געדינגען איינעם וואס זאל לערנען מיט מיר אין די פרייע צייט וואס איך האב. ער האט אבער געהאט אין שטוב אינטערנעט און ער האט געהאט א פעסווארט דערויף, אז מען זאל נישט קענען צוקומען דערצו. אבער מען איז דאך קלוג, ברבות הימים, האב איך עס געטראפן, און איך בין אנגעקומען דערצו. און דעם שאדן וואס עס האט מיר געמאכט - האט ער מיר געזאגט - וועט זיך קיינמאל נישט אויסמעקן פון מיר, וואס איך בין אדורכגעגאנגען. איך קען נישט מוחל זיין פאר מיין טאטען, אויף וואס ער האט מיר געטון. איך קען אים יעצט גארנישט טון, אבער עס וועט קומען א טאג, וואס איך וועל אים רופן פארן בית דין של מעלה, איך וועל אים רופן צו א דין תורה, אויף וואס ער האט אפגעטון מיט מיר.

טייערע **מאמעס, אונז דארפן מיר געווארענט זיין, די מאמע זאלן נישט דארפן זיצן מיט אירע קינדער ביי א דין תורה אויבן אין הימל, אויף וואס מען האט זיי קאליע געמאכט...** מען ווערט קאליע! מען זאל זיך נישט איינרעדן אז עס איז נאר פאר איר,

וואס זי האט זיך באדינט דערמיט. קינדער ווערן קאליע דורכדעם. און נאכדעם פאדערט מען עס פון די עלטערן, פארוואס מען האט זיי צוגעברענגט דערצו.

## די בליק פון אייניקלעך אויף א זיידע און באבע

באבעס, **וואס האבן שוין נישט קיין קינדער אין שטוב, טוען אסאך מאל נישט צולייגן הארץ, וואס זיי זענען גורם פאר זייערע אייניקלעך, ווען מען קומט זיי באזוכן, אדער ווען זיי גייען צו די קינדער. די קאלטקייט וואס זיי טוען ארייינברענגען אין די קינדער ווען מען זעהט ווי אזוי זיי האבן אפענערהייט א סמארטפאון.** בפרט ווען די קינדער קומען פון אן ערליכע שטוב, ווי דארט איז מען יא אפגעהיטן דערין, און די זיידעס און די באבעס פארלירן די חשיבות אין די אויגן פון די אייניקלעך.

וויפיל מאל קומט מען פרעגן: מעג איך אריינגיין צו מיין זיידן אין שטוב? צו מיין באבען אין שטוב? ווען זי דרייט זיך ארום מיט א אפענעם סמארטפאון? זייטס ענק מתבונן, וואס ליגט אונטער די שאלה? ווי אזוי קוקן זיי אן א זיידע מיט א באבע, אז מען פרעגט א שאלה צו קען איך אריינגיין צו מיין זיידן און באבען אין שטוב אריין. מען איז נישט משים לב, מען טראכט עס נישט איבער, וועגן דעם פאלט מען אדורך.

## צוהערן און פאלגן דעת תורה

אסאך פון אונז, געהערן צו חשוב'ע קהילות, די קינדער לערנען אין די מוסדות התורה, ווי זייערע רבי'ס האבן געגעבן די הוראות ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן. זיי דארפן וויסן דעם געוואלדיגן חיוב, אז מען דארף פאלגן וואס מען הערט! עס איז א דין, על פי תורה! און ווען א מענטש איז עובר אויף דעם, אויסער דאס וואס זי איז פורץ גדר פאר זיך אליין, זי צוברעכט די אויטאריטעט, זי צוברעכט דעם כח פון דעם רב, זי צוברעכט דעם כח פון די השפעה וואס ער האט אויפן גאנצן ציבור, עס איז בכלל מחטיא את הרבים.

נאך מער. ווען מען קומט פרעגן א רב א שאלה פריוואט, און דער רב האט איר געזאגט, זי זאל טון אזוי און אזוי, און זי האט נישט געפאלגט, איז עס אויך אן עוולה. אז מען פרעגט, דארף מען פאלגן און טון דעת תורה. **אבער א זאך וואס יעדער ווייסט, און עס איז מפורסם די הוראה וואס מען האט גע׳פסק׳נט, עס איז גלוי וידוע פאר די גאנצע שטוב, אז עס איז דא אן הוראה, אז מען דארף נישט אזוי טון. איז דאס נוגע טעכנעלאגיע, איז דאס נוגע שייטלען, וואס יעדער ווייסט אז א לעי״ס שייטל האבן אלע גדולי ישראל גע׳אסר׳ט, לאנגע שייטלען האבן אלע גדולי ישראל גע׳אסר׳ט, און מען טוט אין שטוב בריש גלי, נישט אזוי ווי מען האט געהייסן. דאס גיט א מעסידזש פאר די קינדער, עס איז כאילו זי קלאפט אויס אינעם שטוב, און זי רופט אויס, און זי זאגט: אונזער שטוב רעכנט זיך נישט מיט קיין דעת תורה! אונזער שטוב רעכנט זיך נישט, מיט וואס דער רב האט געזאגט. ער זאגט אזוי, און אונז קען מיר טון אנדערש! מען איז נישט נכנע אונטער דעת תורה. עס איז כאילו מען שטעלט ארויף א צעטיל און א סיי״ן אויף די שטוב: אונזער שטוב איז א שטוב וואס מען רעכנט זיך נישט מיט דעת תורה!**

נאכדעם ווען עס מאכט זיך א פראבלעם אין שטוב, מען דארף שוין יא האבן דעם רב, און מען וויל שוין יא אז איינער זאל רעדן צו דעם קינד, עס איז שוין נישט דא צו וועם צו רעדן. מען האט אים אויסגעלערנט אז דעת תורה מיינט גארנישט.

## א פרוי איז באשאפן געווארן צו זיין א הילף פאר איר מאן

דער פסוק זאגט (בראשית ב-יח) לא טוב היות האדם לבדו, אעשה לו עזר כנגדו, א פרוי איז באשאפן געווארן צו זיין אן עזר פאר איר מאן. נישט נאר אויף גשמיות׳דיגע זאכן, נאר זי דארף זיין אן עזר אויף זיין רוחניות אויך. א מאן היינט איז ארומגערנומען אויף דער גאס מיט געוואלדיגע נסיונות. ער ארבעט צוזאמען מיט נידריגע גוים, און ער ארבעט אסאך מאל מיט יודישע קלים ורקים, וואס עס קלעבט זיך אן. נישט יעדער איינער איז גענוג שטארק זיך צו קענען פארמעסטן מיט די נסיונות וואס ער האט, און מען ווערט נאכגעצויגן נאך זיי.

**א ערליכע יודישע מאמע, ווערט א עזר לבעלה, זי ווערט א הילף, זי גיט אים חיזוק ער זאל נישט פאלן פון זיין מדריגה. זי גיט אים א קאמפלימענ"ט אויף די שיינע וועג ווי אזוי ער פירט זיך. און אז זי זעהט אז עס הייבט זיך אן עפעס א טויש ביי אים, ער האט זיך געטוישט דעם מלבוש, ער האט זיך געטוישט זיין וועג ווי אזוי ער רעדט, ווי אזוי ער פירט אויף, חכמות נשים בנתה ביתה** (משלי יד-א)**, זי ווייסט ווי אזוי זי זאל קענען אויפבויען די שטוב ווייטער, און מעורר זיין בדרכי נועם, אויפן ריכטיגן וועג.**

עס שטייט אין די גמרא (ברכות יז.), גדולה הבטחה שהבטיחן הקב"ה לנשים יותר מן האנשים, לעתיד לבוא וועט דער באשעפער געבן שכר פאר די נשים, מער ווי פאר די מענער. זאגט די גמרא, פארוואס זענען זיי זוכה דערצו? ווייל זיי געבן אכט אויף אונזערע קינדער זיי זאלן לערנען, און זיי געבן אכט אויף די מענער אז זיי זאלן לערנען. זיי זענען מסייע פאר דעם מאן, אז דער מאן זאל קענען שטייגן. א מאן באקומט נאר שכר אויף די אייגענע ארבעט וואס ער האט געטון. א פרוי באקומט שכר, אויסער אויף איר אייגענע עבודת ה', אויך פאר די שטוב, פאר די קינדער, עס איז איר קרעדיט. אז דער מאן איז ערליך, און ער באקומט חיזוק פון איר ער זאל זיך פירן ערליך, איז עס איר קרעדיט, און איר זכות, און איר שכר איז אסאך גרעסער.

## די השפעה פון א פרוי אין א יודישע שטוב

אסאך מאל טוען זיי אונטערשאצן זייער כח און זייער השפעה. זיי דארפן געדענקען אז זיי זענען די עקרת הבית, זיי זענען די עיקר פונעם שטוב. **די גאנצע יודישקייט וואס איז דא אין שטוב, איז צו פארדאנקען פאר א יודישע מאמע. איר השפעה אינעם שטוב איז אויסערגעווענליך גרויס.** א 'געזונטע שטוב' איז טייטש, ווען מען לעבט אויף איין מיינונג. ווען איינער גיט חיזוק פארן צווייטן, איינער איז א הילף פארן צווייטן. זי באקומט חיזוק פון איר מאן, און איר מאן באקומט חיזוק פון איר, דעמאלטס בויט זיך א יודישע שטוב.

און מזמן לזמן מעג מען זיך אראפזעצן און איבערשמועסן די הנהגה פונעם שטוב, וואס קענען מיר טון צו דערהייבן אונזער שטוב. זיך צו דערהייבן, און די שטוב צו דערהייבן. און בעטן, זי פון אים, דו זאלסט מיר געבן חיזוק, און איך וועל דיר געבן חיזוק, און צוזאמען גייען מיר אויפשטעלן אן ערליכע שטוב.

**זי דארף זיך נישט צוריקהאלטן פון פארלאנגען פון איר מאן, זי וויל אז די ווענט פון איר שטוב זאל זיין ריין פון אינטערנעט און פון סמארטפאון. אפילו ווען דער מאן דארף עס פאר פרנסה, לאז עס אין די קאר, ברענג עס נישט אריין אין שטוב. זי קען זאגן, אונז פלאג מיר זיך צוזאמען מגדל זיין אונזערע קינדער, איך בין בארעכטיגט צו בעטן אז דו זאלסט נישט חרוב מאכן וואס איך פלאג מיך. איך וויל מיין שטוב זאל זיין א ריינע שטוב, און עס איז נישט דא קיין שום סיבה פארוואס דו זאלסט עס דארפן אריינברענגען אינדערהיים. מען קען זיך באנוצן דערמיט נאר אויף די פלאץ ווי מען ארבעט. - דאס איז די שאיפה וואס א יודישע מאמע דארף צו האבן. האבן א ריינע שטוב, וואס זאל זיין ריין פון די אלע כלים.**

## די מעלה פון א טאבלע"ט איבער א סמארטפאון

און אפילו עס קומט יא אויס, די פאר שטיבער - דער קליינער פראצענט - וואס דארפן עס יא האבן. זאל מען וויסן אז א סמארטפאון איז א כלי וואס איז א געוואלדיגער מכשול, **און אפילו מען דארף עס פאר פרנסה וכדומה, זאל מען ענדערש אויסקלויבן א טעבלע"ט, ווי צו נוצן א סמארטפאון.** סיי פאר זיך, סיי פאר איר מאן. עס האט א געוואלדיגן תועלת אז מען נוצט א טעבלע"ט וואס האט א פילטער, ווי איידער א סמארטפאון.

איך וועל עס מסביר זיין. עס איז א תועלת פאר זיך אליין. - אז מען האט א טעבלעט, איז מען נישט צוגעבינדן צו דעם פיר און צוואנציג שעה אינעם טאג. ווען מען דארף עס האבן, נעמט מען עס ארויס, און מען טוט וואס מען דארף צו ערלעדיגן, און מען לייגט עס צוריק אוועק. אז מען האט א סמארטפאון, איז מען פארנומען דערמיט פון צופרי ביז ביינאכט.

**און איך קען זאגן, איך האב געהערט פון צענדליגער מענטשן וואס האבן מיר געזאגט, אז פון ווען זיי האבן געטוישט זייער התנהגות אין זייער ביזנעס, פון א סמארטפאון אויף א טעבלעט, זענען זיי געווארן אנדערע מענטשן! נייע מענטשן! זיי זענען געווארן רואיג, זיי זענען געווארן מענער אין די שטוב, זיי זענען געווארן טאטעס פאר די קינדער אינדערהיים. דער תועלת דערפון איז זייער גרויס.**

און עס איז א תועלת פאר די קינדער. זיי ווערן נישט נתחנך, צו זיין צוגעוואוינט צו איינע פון די כלי הבית. מען ווייסט, אז דאס איז נאר א זאך וואס מען נוצט פאר ביזנעס, און אזוי ווייטער.

## הבא לטהר מסייעין אותו

און איך וויל מיט דעם ענדיגן. דוד המלך זאגט אין תהלים (נג-ג) אלקים משמים השקיף על בני אדם, לראות היש משכיל, דורש את אלקים. דער אייבערשטער קוקט אראפ פון הימל, ער וויל זעהן צו עס איז דא ווער עס קליגט זיך, כדי דורש צו זיין דעם אייבערשטען. עס איז יעצט א געוואלדיגער עת רצון, אין אזא צייט וואו אונז זעמיר יעצט. אונזערע הערצער זענען יעצט אפען, אונז דערהער מיר יעצט דעם קול דודי דופק, פתחי לי אחותי רעיתי. אונז זעמיר מקיים יעצט דעם פתחו לי פתח כחודו של מחט, ואני אפתח לכם פתח כפתחו של אולם (שהש"ר ה-ג). ווער עס איז געקומען אהער, איז פון די הבא לטהר מסייעין אותו, ווער עס קומט זיך מטהר צו זיין, האט א געוואלדיגע הילף. ער האט יעצט א געוואלדיגן הילף פון הימל, אז ער קען אויף זיך נעמען גוטע קבלות, און מאכן גדרים וסייגים צו שטייגן, על כל פנים אין עפעס וואס מען איז געווען ווייניגער נזהר ביז יעצט.

טעמו וראו כי טוב ה', קאסט עס, פרובירט עס, וועט עטץ זעהן ווי גוט עס איז. לאמיר צוריקשטעלן דעם חן און דעם פראכט וואס אונזערע יודישע שטובער האבן אמאל געהאט, לאמיר עס צוריקשטעלן אזוי ווי עס איז געווען. און נעמען אויף זיך יעצט, מיט א קבלה, בלי נדר, אז איך גיי טוישן, און זיך פארבעסערן אין וואס איך האב געטון ביז יעצט.

עס איז שווער אפשר צו טוישן אלעס אויף איינמאל, **נעמטס ענק פאר, אז כאטש א חודש, צוויי חדשים, קודם הייב איך אן, איך גיי טוישן פון וואס איך האב געטון ביז יעצט. און עטץ וועטס זעהן נאכדעם, ווי מען וועט ווערן נייע מענטשן, נייע שטובער, אז מען וועט גלוסטן צו גיין אין דעם וועג ווייטער.**

## בשעת זיך אונטערנעמען א קבלה טובה, איז א זמן מסוגל צו מתפלל זיין אויף די דורות

איך וויל געבן א מינוט פאר די **נשים צדקניות, א פאר סעקונדעס, זיי זאלן טראכטן אין די ווערטער וואס מען האט היינט געהערט, און זיי זאלן זיך פארנעמען עפעס א זאך וואס זיי גייען זיך פארבעסערן. און אין די צייט זאלן זיי מתפלל זיין צום אייבערשטען אין הארץ, אויסבעטן וואס זיי דארפן צו האבן.** עס איז דאך ליידער נישט דא קיין שטוב וואס דארף נישט האבן רחמי שמים. און אונז אלע דארף מיר דאך האבן רחמי שמים אויף אונזערע קינדער, און אונזערע אייניקלעך, זיי זאלן קענען גיין בדרכי התורה. לאמיר נעמען אפאר רואיגע סעקונדעס, וואס נעם איך מיך פאר? מיט וואס גיי איך אהיים? וואס גיי איך טוישן. אפילו נישט אויף אייביג, כאטש אויף א זמן וואס איך גיי טוישן מיין הנהגה וואס איז געווען ביז יעצט. און בעטן, רבונו של עולם, תצרנו מן הדור זו לעולם (תהלים יב-ח). אונז האב מיר קינדער, אייניקלעך, אונז וויל מיר זיי ערציען ערליך, אונז גיי מיר טון וואס עס איז אין אונזער האנט, כדי זיי צו דערהייבן. רבונו של עולם העלף אונז, אונז זאל מיר קענען אויספירן און טון דיין רצון.

עס איז יעצט אן עת רחמים ורצון, מקבל צו זיין די תפלות, און בעטן אויף אונזערע קינדער. די נסיונות פונעם יונגען דור איז דאך אזוי גרויס, וואס אונז האב מיר נישט קיין השגה. די טייערע ווארימע תפלות פון מאמעס און באבעס, מאכן א געוואלדיגען רושם אויבן אין הימל, וואס עס ווערט אנגענומען.

## מתפלל זיין יעדן טאג אויף די קינדער

בכלל, **געוואוינטס ענק, יעדן טאג צו בעטן אויף די קינדער! יעדן טאג זאגן איין קאפיטל תהלים, נישט קיין סאך. און ווען מען ענדיגט די קאפיטל תהלים, אנהייבן אויסצורעכענען, מיין יאנקעלע, מיין משה'לע, מיין רחל'ע, מיין חנה'לע, מיין אייניקל וואס הייסט אזוי און אזוי, דער אייבערשטער זאל געבן, זיי זאלן בלייבן ערליך, און זיי זאלן קענען אויפשטעלן יודישע שטובער, און זעהן ביי זיי נחת. בעטן שטענדיג אויף די דורות!** וועט דער אייבערשטער געבן, אז מען

וועט זעהן אסאך נחת דקדושה פון די קינדער, און זיי מגדל זיין לתורה ולחופה ולמעשים טובים, און זעהן ביי זיי נחת דקדושה.

פאר די טויזענטער יודישע טעכטער וואס שטייען אין שידוכים, וואס געפונען זיך יעצט דא, וויל איך געבן א ברכה מיוחדת פאר זיי, אז אין דעם זכות וואס זיי נעמען זיך פאר, אז זיי גייען פירן אן ערליך לעבן, זאל זיי דער אייבערשטער צושיקן זיווגים הגונים, גרינג און שנעל, זיי זאלן קענען אויפשטעלן א בית נאמן בישראל, על דרך ישראל סבא.

אונז האף מיר אי"ה אויף די גאולה שלימה, אז בקרוב וועלן מיר מקבל זיין משיח צדקינו. אט אט קומט משיח, און אונז דארף מיר זיך צושטעלן פאר משיח צדקינו, אונז זאל מיר זיך נישט שעמען צו גיין מיט אונזערע קינדער און אייניקלעך אקעגן משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.